# דעם רבינ'ס ליכט

חיי שרה תשפ"ב
גליון 65



**אַייַערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַּאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנְט מֶען וִוי שְׁטַארְק אִיז דִי כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה פוּן יֶעדֶעס אִידִישׁ קִינְד. אַבְרָהָם אָבִינוּ בֶּעט פוּן זַיין קְנֶעכְט אֱלִיעֶזֶר עֶר זָאל גֵיין זוּכְן אַ כַּלָּה פַּאר יִצְחָק. גְלַייך וֶוען אֱלִיעֶזֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט אֲרַם נַהֲרַיִם, דֶערְצֵיילְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה ווִיאַזוֹי עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת "וַיֹּאמַר ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם הַקְרֵה נָא לְפָנַי הַיּוֹם וַעֲשֵׂה חֶסֶד עִם אֲדֹנִי אַבְרָהָם", אִיךְ בֶּעט דִיר בַּאשֶׁעפֶער דֶער הַאר פוּן מַיין הַאר אַבְרָהָם, שִׁיק מִיר דִי רִיכְטִיגֶע אוּן פַּאסִיגֶע כַּלָּה פַּאר יִצְחָק. דֶערְנָאךְ וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן רִבְקָה הָאט עֶר גֶעגֶעבְן אַ דַאנְק פַּארְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן "וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם אֲשֶׁר לֹא עָזַב חַסְדּוֹ.

אַמָאל אִיז אַ קְלֵיין אִינְגְל גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֵיינְט הִתְבּוֹדְדוּת? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאב רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הַיְתָּכֵן עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין מַיינֶע טֶעג מִיט אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקֵייטְן, בִּין אִיךְ וֶועגְן דֶעם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן?**" אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי וַואנְט אוּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן רל"ט). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְן אֲפִילוּ מִיט קִינְדֶער, אַרַיינְצוּגֶעבְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מְחַנֵּךְ זַיין ווִיאַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אַרַיינְצוּלֵייגְן כּוֹחוֹת אִין דַאוֶוענֶען.

דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט נָאכְדֶעם "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב" יִצְחָק אָבִינוּ אִיז אַרוֹיס אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, פוּן דֶעם פָּסוּק לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז יִצְחָק אָבִינוּ הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען תְּפִלַּת מִנְחָה, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וָוארֶענֶען אַז "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּתְפִלַּת הַמִּנְחָה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן מִיט דִי תְּפִלָּה פוּן מִנְחָה, דַאוֶוענֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה, אוּן חָלִילָה קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין דִי תְּפִלָּה.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב" אַז יִצְחָק אִיז מְרַמֵּז אוֹיף "פַּחַד יִצְחָק" אוֹיף מִדַּת הַגְּבוּרָה, דָאס מֵיינְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר דִי מִדַּת הַדִּין, בְּאֹפֶן פְּרָטִי אָדֶער בִּכְלָלִיּוּת, דַארְף עֶר פַארְמֶערְן אִין דִי עֲבוֹדָה פוּן "לָשׂוּחַ" דָאס מֵיינְט "הִתְבּוֹדְדוּת" רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, ווַייל תְּפִלָּה




מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הַמְתָּקָה, וָואס קֶען מַמְתִּיק זַיין, זִיס מַאכְן אַלֶע דִינִים מִיט גְּזֵרוֹת, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט קוּמֶען דִי גְּאוּלָה, אַזוֹי וִוי ר' נָתָן בְּרֶענְגְט דָארְט אַז דִי גְּאוּלָה וֶועט קוּמֶען וֶוען עֶס וֶועט וֶוערְן פוּן "יִצְחָק" - וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף גְּבוּרָה -"יִשְׂחָק" וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף הַמְתָּקָה אוּן שִׂמְחָה, דֶעמָאלְטְס וֶועט זַיין "אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ" עֶס וֶועט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעפוּלְט אוּנְזֶער מוֹיל מִיט גֶעלֶעכְטֶער. (מַתָּנָה ה' אות מ') דִי גְּמָרָא זָאגְט טַאקֶע אִין מַסֶּכֶת שַׁבָּת (פ"ט ב') אַז דִי לֶעצְטֶע גְּאוּלָה וֶועט זַיין אִין זְכוּת פוּן יִצְחָק אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן דָאס דֶערְלֶעבְן בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# א שמועס מיט'ן זיידן




**יענקעלע:** זֵיידִי, אוּנְז הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין צְוֵויי וָואכְן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן!

**זיידע:** יָא יַענְקֶעלֶע אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּ דִיר, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען, אוּן אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַארְדֶעם.

**יענקעלע:** זֵיידִי דַאנְקְט מִיר?

**זיידע:** יָא, אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא חָשׁוּבֶ'ע אֵיינִיקְל, וָואס ווִיל הֶערְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס קְוַואל אוּן פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

**זיידע:** אַגַב, יַענְקֶעלֶע, אַז דוּ רֶעדְסְט שׁוֹין פוּן דַאנְקְן, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זָאלְסְט זִיךְ אַיינְגֶעוואוֹינֶען, שְׁטֶענְדִיג צוּ דַאנְקְן. דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דַיינֶע מְלַמְּדִים, אוּן אֲפִילוּ דֶער רוֹימֶער אִין חֵדֶר, אִים מֶעגְסְטוּ אוֹיךְ זָאגְן אַ שְׁכּוֹחַ, דַארְפְסְט נִישְׁט טוֹישְׁן צוּפִיל וֶוערְטֶער מִיט אִים, אָבֶּער מֶעגְסְט אִים זָאגְן אַ דַאנְק אוּן גֵיין וַוייטֶער!

**זיידע:** אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶער יְדִיד וָואס אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסלֶבֶ'ער, וֵוייסְט ווִיאַזוֹי?

**יענקעלע:** ווִיאַזוֹי זֵיידִי?

**זיידע:** עֶס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶסַאנְט, דֶער יְדִיד מַיינֶער אִיז אַדוּרְךְ זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, אֵיינֶער פוּן זַיינֶע נָאנְטֶע אִיז לַיידֶער נִפְטַר גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעצְן שִׁבְעָה ל"ע, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, וַוייל אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאבְּן זַיינֶע חֲבֵרִים אִים אָפְּגֶעלָאזְט אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן כִּמְעַט אַלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט. עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שׁוּל, אוּן הָאט גֶעטְרָאפְן דָארְט אַ סֵפֶר, עֶפֶּעס אַ סֵפֶר וָואס הֵייסְט לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, הָאסְט שׁוֹין גֶעהֶערְט פוּן אַזַא סֵפֶר?

**יענקעלע:** יָא אַוַודְאַי, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער ר' נָתָן הָאט גֶעמַאכְט.

**זיידע:** יָא, דוּ וֵוייסְט שׁוֹין פוּן דֶעם סֵפֶר, אָבֶּער דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס דָאס אִיז, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז אַ הֲלָכָה סֵפֶר אוֹיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ. עֶר עֶפְנְט אוֹיף דֶעם סֵפֶר אוּן פַאר זַיינֶע אוֹיגְן טַאנְצְן אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער "צוּ ווִיסְן אוּן אוּנְז צוּ לֶערְנֶען אַז וֶוען אֵיינֶער אִיז אִין אַ צָרָה, זָאל מֶען גְלַייךְ דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן עָבַר וָואס עֶר הָאט אוּנְז שׁוֹין גוּטְס גֶעטוּן בִּיז הַיינְט אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ שׁוֹמֵעַ כָּל פֶּה, אוּן דוּרְכְן דַאנְקְן וֶועט מֶען קֶענֶען אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי צָרָה, וַוייל מִיר זֶענֶען מְחֻיָּב אִים צוּ דַאנְקְן אוֹיךְ אִין דִי צָרָה".

**זיידע:** יַענְקֶעלֶע כַאפּ זִיךְ אָן אוֹיפְן בֶּענְקְל... עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ צִימֶער אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען טַאנְצְן... אָבֶּער טַאנְצְן! שְׁפְּרִינְגֶען...!

זַיין טַאטֶע הָאט גֶעהֶערְט ווִי אֵיינֶער טַאנְצְט, הָאבְּן זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אִין קָאפּ גֶענוּמֶען טַאנְצְן פוּן שְׁרֶעק וָואס גֵייט דָארְט פַאר מִיט זַיין זוּן? דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ גַאנְץ שְׁנֶעל בַּארוּאִיגְט וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר טַאנְצְט אוּן דַאנְקְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן וָואס עֶר אִיז מַמָּשׁ יֶעצְט אַרִיבֶּער, פוּן אַזוֹיפִיל טַאנְצְן אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ

## א שמועס מיט'ן זיידן

אוּן דַאנְקְבַּאר צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַז דִי שְׁוֶועֶרֶע שְׁטַיין אִין הַארְץ אִיז אִים וֵוייעֶךְ גֶעוָוארְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען זַיין אֱמוּנָה אוּן גֶעגְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז זֵייעֶר גוּט.

**יענקעלע:** אָבֶּער זֵיידִי אִיךְ מַיין אַז אוֹיבּ אִיךְ צוּקְלַאפּ זִיךְ ח"ו וֶועט מִיר נִישְׁט זַיין אַזוֹי גְרִינְג צוּ דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ.

**זיידע:** אִיךְ הֶער וָואס דוּ זָאגְסְט צַדִיקְ'ל, ר' נָתָן זָאגְט דָארְט אַז מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאר זֵייעֶר אִינְג, צוּ דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, נָאךְ פַאר מֶען צֶעקְלַאפְּט זִיךְ. זָאג מִיר יַענְקֶעלֶע, דוּ הָאסְט יֶעצְט עֶפֶּעס אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן? זָאג מִיר אֵיין זַאךְ.

**יענקעלע:** הֶע.. יָא, אַז אִיךְ הָאבּ אַזַא גוּטֶער זֵיידֶע...

**זיידע:** גֶעוַואלְדִיג! דוּ מַאכְסְט מִיר פְרֵיילִיךְ... שְׁכּ'חַ יַענְקֶעלֶע! אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיף דַיין גֶעזוּנְט, דַיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן וָואס דַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעבְּן דִיר, אוּן אַז מֶען גֶעווּאוֹינְט זִיךְ אַיין צוּ דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, בַּאדַאנְקְט מֶען אוֹיךְ דִי מְלַמְּדִים, פַאר דַיין רֶבִּי אִין חֵדֶר וֶועסְטוּ זָאגְן אַ שְׁכּ'חַ סוֹף טָאג, וֶועט דַיין רֶבִּי הָאבְּן מֶער אַהֲבָה צוּ דִיר, אַזוֹי וֶועסְטוּ בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען אוּן דַיינֶע חֲבֵרִים וֶועלְן זִיךְ וֶועלְן חַבֶרְ'ן מִיט דִיר וַוייל דוּ בִּיסְט אַ גֶעשְׁמַאקֶער אִינְגְל וָואס בַּאדַאנְקְט זִיךְ פַאר אַלֶעם, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶע לֶעבְּן.

**יענקעלע:** מַמָּשׁ אַ גְאוּלָה...

**זיידע:** פּוּנְקְט אַזוֹי יַענְקֶעלֶע. ר' נָתָן זָאגְט אַז אוֹיבּ וָואלְט מֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי עֵצָה פוּן דַאנְקְן וָואס מֶען שׁוֹין גֶעהַאלְטְן נָאךְ דִי גְאוּלָה.

**יענקעלע:** בְּקָרוֹב בִּמְהֵרָה אָמֵן. (ע"פ ליקו"ה כלאי בהמה, ופריקה וטעינה ד')

## מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

אַ גוּטְן מְנַחֵם, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ פְרִישֶׁער בְּרֶסְלֶבֶ'ער, אֶפְשָׁר וִוילְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע אִינְגְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים דַיין גֶעפִיל וָואס דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אִין רֶבִּי'נְס חֵדֶר?

אִיךְ וֶועל בְּעֶזְר הַשֵּׁם פְּרוּבִּירְן צוּרִיקְצוּגֵיין אַפָּאר יָאר וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען גַאנְץ אַ קְלֵיין אִינְגְל, הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעצוֹיגְן דִי וֶועג פוּן אַרוּמְגֵיין מִיט אַ פַארְבֶּענְקְטֶע הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דָאס סֵפֶר הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע אוּן קְלָארֶע דְרוּק, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ לֵיינֶען דִי הַקְדָּמָה וִוי ר' אַלְתֶּר טֶעפְּלִיקֶער פַארְצֵיילְט דֶעם רֶבִּי'נְס יָארְן אַלְץ



קִינְד:

"דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ וֵויינֶען אוּן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אִין דִי וֶועלְדֶער אוּן פָארְן מִיט אַ שִׁיפְל אִין דִי וַואסֶער פוּן שְׁטֶעטֶעלֶע אוּסְיַאטִין זַייעֶנְדִיג אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן דִי רוֹישִׁיגֶע גַאסְן פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער זַייעֶנְדִיג אִין שְׁטֶעטֶעלֶע אוּסְיַאטִין פַארְצֵיילְט פַאר זַיין תַּלְמִיד ר' שִׁמְעוֹן, אַז יֶעדֶע טְרִיט פוּן דִי פֶעלְדֶער פְלֶעגְט עֶר שְׁפִּירְן טַעַם גַּן עֵדֶן".

וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעלֵיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען יֶעדְן טָאג צוּ הָאבּ אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, פְלֶעג אִיךְ אָבֶּער אֵיין מָאל אִין וָואךְ זִיךְ צוּדֶעקְן מִיט דִי דָאכֶענֶע אוּן וֵויינֶען

»



# לגאמיר זיך פאר הערן

## בחינה אויף ספורי מעשיות
## די צענטע מעשה (5)
## דער בערגיר מיט'ן ארימאן

נתנדב ע"י הרוצה בעילום שם
לע"נ הרה"צ **רבי יששכר דוב** בן רבי **יהושע** זצ"ל היארצייט בכ"ב חשון
ולע"נ הרה"צ רבי **מרדכי** ב"ר **יששכר דוב** היארצייט בכ"ה חשון

**א. וואס האט ער איר באוואוזן איינע פון די מאלן וואס זי איז צו אים געקומען?**
- ❑ זילבערנע כלים וואס ער האט געהאט
- ❑ די צימער וואס דארט זענען געשטאנען די גאלדענע פייגעלעך
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט דער רוצח געטאן ווען ער איז אריין אין צימער מיט די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ ער האט איר מיט געוואלד אריין געלייגט אין א זאק
- ❑ ער האט אראפ גענומען אירע אלע קליידער און האט עס אנגעטאן פאר א מאטראס און פארדעקט זיין פנים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וואס האט מען געטאן פאר'ן מאטראס נאכדעם וואס מ'האט געזען אז ער איז אנשטאט די בת קיסר?**
- ❑ מ'האט אים פארשיקט
- ❑ מ'האט אים גע'הרג'עט
- ❑ מ'האט אים אנגעפאטשט גאנץ גוט אין פנים און מ'האט אים ארויס געשטופט

**ד. וואו האט זיך דער רוצח ערשט באהאלטן מיט די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ אין א גרוב מיט שלענג און עגדיסן
- ❑ אין א מקוה
- ❑ אין א גרוב מיט רעגן וואסער

**ה. אין וועלכע פלעצער האט זיך דער רוצח באהאלטן מיט די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ אין זיבן פלעצער, א גרוב, מקוה, הייל, פעלדער, וועלדער, מדבריות, טייכן.
- ❑ אין די אלע זיבן וואסערן וואס דער בערגיר האט זיך באהאלטן מיט איר מוטער.
- ❑ אין א גרוב און אין א מקוה

**ו. וועלכע קליידער האט דער רוצח אנגעטון די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ מיט קעניג'ליכע קליידער און זי האט אויסגעזען ווי א קעניג'ן
- ❑ מיט קליידער פון א מאטראס און זי האט אויסגעזען ווי א זכר
- ❑ מיט צוריסענע קליידער און זי האט אויסגעזען ווי א ארימאן

**ז. וואס איז געשען מיטן שיף אינמיטן וועג?**
- ❑ א שטורעם ווינט האט עס צובראכן
- ❑ עס האט זיך איבערגעדרייט
- ❑ גזלנים האבן עס בארויבט

**ח. וואו זענען אנגעקומען דער רוצח און די טאכטער פון קיסר, ווען זיי זענען אראפ פון שיף?**
- ❑ צו א פוסטע מדבר
- ❑ צו די מדבר וואו דער קעניג געפינט זיך דארט
- ❑ צו די מדבר וואו דער זוהן פון בערגיר געפינט זיך דארט

**ט. וואס האט זי געטון ווען דער רוצח האט געשריגן צו איר?**
- ❑ זי האט אים געענטפערט
- ❑ זי האט אים נישט געענטפערט
- ❑ זי האט זיך באהאלטן אונטער א בוים

**י. צו וואו איז אנגעקומען די טאכטער פון קיסר ווען זי איז אנטלאפן פונעם רוצח?**
- ❑ צוריק צום קעניג'ליכן פאלאץ
- ❑ צו די פלאץ וואו דער קעניג געפינט זיך דארט
- ❑ צו די פלאץ וואו דער זוהן פון בערגיר געפינט זיך דארט

**יא. וואס האט די קיסר'טע געטון נאכדעם וואס מ'האט אוועק גענומען איר טאכטער?**
- ❑ זי איז געזיצן און געוויינט
- ❑ זי האט זייער געקלאגט און זיך געשלאגן קאפ אין דער וואנט
- ❑ זי האט געבעטן פון אירע באדינערס מ'זאל איר גיין זוכן

**יב. וואס האט די קיסר'טע געטון פארן קיסר נאכדעם וואס מ'האט אוועק גענומען איר טאכטער?**
- ❑ זי האט געשריגן אויף אים
- ❑ זי האט אים געגעסן מיט רייד
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. וואס האט דער קיסר געטון פאר די יעדניראלן?**
- ❑ אראפגענידערט זייער פאסטן
- ❑ זיי פארשיקט
- ❑ געשריגן אויף זיי

**יד. וואס האט מען געטון פאר דעם קיסר נאכן פארשיקן די יעדניראלן?**
- ❑ מ'האט אים פארשיקט
- ❑ מ'האט אים גע'הרג'ט
- ❑ מ'האט אים אריין געווארפן אין ים

**טו. וואו אהין איז דער קיסר אנגעקומען?**
- ❑ צו דער פלאץ וואו דער רוצח געפינט זיך
- ❑ צו דער פלאץ וואו דער בערגיר געפינט זיך
- ❑ צו דער פלאץ וואו דער זוהן פון בערגיר און די טאכטער פון קיסר געפינען זיך

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**
- ❑ אז ארימקייט איז נאר אין דעת
- ❑ די מידה פון הכרת הטוב

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**
**02-5-3333-72**
**646-518-1095**
**1-518-329-9149**

### מיין מעשה'לע המשך

אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער סֵפֶר לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶעמָאלְט בָּאנְט צוּ מַיין הָארֶץ. אִין אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעצוֹיגְן צוּ תְּפִלָּה אוּן בַּקָשָׁה אוּן הָאבְּן אַ צוּבְרָאכְן הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי הָאט זִיךְ דָאס גֶעצוֹיגְן בְּמֶשֶׁךְ דִי קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, וֶוען אִיךְ גֶעוָוארְן אַ בַּר-מִצְוָה בָּחוּר הָאט דִי וֶועג פוּן לֵב נִשְׁבַּר מֶער נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר צוּבְרָאכְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נָאךְ אָן עֲבוֹדָה, דִי וֶועג אַז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער בָּחוּר'ל דַארְף זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן מִיט אַ "שְׁטָאלְצֶע הִתְחַזְּקוּת", מִיט אַ גְרוֹיסֶע אַשְׁרֵינוּ, אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי'ן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר צוּגֶעשִׁיקְט אַ גוּטֶער חָבֵר וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ קְלֵיינֶע בַּאנְד לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, דָארְט הָאט אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נִישְׁטֶערְן נָאךְ דִי גוּטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ וואוּ ר' נָתָן בַּאגִיסְט אוּנְזֶערֶע דָארְשְׁטִיגֶע נְשָׁמוֹת, אִיךְ פְלֶעג זִיךְ בַּאלֶעקְן מִיט דִי גוּטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַזַא גוּטֶע שְׁטִיקְל פְלֶעג אִיךְ דוּרְכְלֶערְנֶען דֶעם גַאנְצְן הֲלָכָה, אָבֶּער דָאס הָאט מִיר נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן גֶענוּג חִזּוּק אוּן מַיין לֵב נִשְׁבָּר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט בְּגַשְׁמִיּוּת..

הֶמְשֵׁךְ בעז"ה דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ, אַ הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט מִיר גֶעטוּן.